**מײַנע דרײַ גרויסע ביזיונות**

דרײַ אויטאָביאָגראַפֿישע  דערציילונגען פֿון **ברכה קאָפּשטיין** אין יונגעיאָרן

## די פּאַרטי

געווען איז דאָס אין דער שטאָט טאָראָנטע, דאָרט האָב איך געלעבט אַ סך יאָרן, געווען זײַנען דאָס די יונגע, ניט די רײַפֿע יאָרן.

דאָס לעבן אין דער שטאָט האָט געשפּרודלט. ס'האָט זיך געדוכט, אַלע זײַנען יונג. געזאַנגס-פֿאַראיינען, מאַנדאָלין-אָרקעסטערס, טעאַטער-גרופּעס. און פּאַרטיי-יוגנטקלובן. אומעטום האָט געצויגן "צו באַלאַנגען". סײַ די פֿרײלעכע קרײַזן פֿון בחורים און מיידלעך, סײַ די שטענדיקע אַקטיוויטעטן האָבן געצויבערט.

פֿון וואָס האָבן געלעבט יונגע עמיגראַנטן דעמאָלט? מ'האָט געאַרבעט אין די פֿאַבריקן, דער עיקר בײַ נאָדל-פֿאַכן, פֿרויען- און מענערקליידער, מאַנטלען, הוטן האָט מען גענייט.

אַז מ'איז גאַנצע טעג (אַכט שעה) געזעסן בײַ דער מאַשין אין שאַפּ, זיך אָנגעגעסן מיט שטויב, און שווערער מי, געפֿילט דעם יאָך פֿונעם "פֿאָרמאַן" און פֿונעם "באָס", איז מען אין אָוונט געווען ניט נאָר מיד פֿיזיש, נאָר אויסגעהונגערט נאָך לעבן, נאָך פֿרייד. מ'האָט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט מענטשן וועלכע זינגען, שפּילן און טאַנצן. מ'האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון פֿון "לינקע און רעכטע", כאָטש ס'איז בפֿירוש געווען די צײַט פֿון "פּאַרטייִשקייט".

איך האָב אין דער שטאָט – אונטערן אײַנפֿלוס פֿון אַ בחור פֿון די לינקע, וועלכער איז שוין געווען אַ דיכטער און איז שפּעטער געוואָרן מײַן מאַן – שוין אָנגעהויבן שרײַבן לידער. בסוד-סודות, יעדער פֿאַרשריבן בלעטעלע האָב איך באַהאַלטן , געהיט ווי דימענטן, מורא געהאַט "טראַכטן הויך" וועגן מײַן שרײַבן.

כ'האָב געזונגען אין ייִדישן פֿאָלקסכאָר פֿון די קאָמוניסטן, כ'האָב געשפּילט אינעם מאַנדאָלין-אָרקעסטער פֿון די לינקע פּועלי-ציון, כ'האָב באַלאַנגט צום סירקין-קלוב, יונגע פּועלי-ציון רעכטס.

תּמיד בין איך געווען פֿון די ערשטע גרייט אַרויסצופֿאָרן אויף פּיקניקס, וואָס דאָס איז דעמאָלט געווען דער שענסטער און בעסטער פֿאַרגעניגן – פֿאַרברענגען אין פֿרײַען פֿעלד אויסער דער שטאָט. דער עיקר זיך באַקענען מיט יונגע מענטשן און דורכלעבן די ערשטע דינע שעמעוודיקע ראָמאַנסן.

געווען בין איך באַקאַנט אַלס "די פֿריילעכע מיידל", אַ סך האָבן מיך פּשוט גערופֿן "שוואַרצע". דאָס האָט מיר געשמײַכלט. כ'האָב שוין געוווסט אַז ס'איז אַ קאָמפּלימענט און ניט קיין באַליידיקונג ווי אַ מאָל, אַ מאָל...

כאָטש כ'האָב אין די אַלע קרײַזן געפֿונען אַ סך "געזעלשאַפֿטלעך אויסלעבן" האָט כמעט קיינער פֿון די בחורים וועלכע האָבן גראָד צו מיר אַרויסגעוויזן אַ סך סימפּאַטיע (חוץ איינעם אַ סך שפּעטער) מיך באַזונדערס ניט אינטערעסירט. מער אינטעלעקטועל אויסלעבן האָב איך געפֿונען אינעם קלוב פֿון די יונגע פּועלי-ציון וואָס איז געגרינדעט געוואָרן און אָנגעפֿירט פֿון דער פּועלי-ציון-פּאַרטיי ווהין מיר, אַ גרופּע יונגע, זײַנען ווי פֿון זיך אַליין אַהין אַרײַנגעצויגן געוואָרן.

און דווקא די "עלטערע" האָבן געהאַט יונגע נשמות, זיי פֿלעגן מאַכן אָפּטע יומים-טובֿים ווו די יונגע זײַנען תּמיד געווען באַגערטע געסט. בײַ די יום-טובֿים האָט מען געזונגען בײַ די טישן. געווען

איז דאָרטן בפֿרט דער גאָט געבענטשטער חבֿר פּיני מאַראָם וועלכער האָט ניט נאָר אָנגעצונדן מיט זײַן חסידישן ברען בשעתן זינגען נאָר ער האָט ממש מיטגעריסן און אָנגעשטיקט אַלעמען צו זינגען מיט אים ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן. אין משך פֿון דער צײַט האָט מען באַשטימט צו גרינדן אַ יונגן פּועלי-ציון-קלוב אויפֿן נאָמען פֿון דאָקטאָר נחמן סירקין – דער טעאָרעטיקער פֿון דער אידייע פּועלי-ציון. אַ פּאָר פֿון די עלטערע חבֿרים (גאָרניט אַזעלכע אַלטע) זײַנען געוואָרן די גײַסטיקע פֿירער פֿון די יונגע. זײ פֿלעגן קומען צו אונדזערע פֿאַרזאַמלונגען, ניט נאָר ״ריידן שיין וועגן פּאָליטישער תּורה״ נאָר אויך פֿאָרלייענען באַראָכאָוון, סירקינען. לערנען אונדז ליב האָבן אַ ליטעראַרישע פֿאַרזאַמלונג. איינער פֿון זײ איז געווען ח. ל. וועלכער איז געווען סײַ אַן אינטעלעקט, סײַ אַ ליבהאַרציקער חבֿר פֿון די יונגע. ער האָט געהאַט אַ קרײַז חבֿרים, לערער פֿון די קאַלעדזשעס, האַלבע און גאַנצע פּראָפֿעסאָרן, אַדוואָקאַטן, וועמען ער איז געווען פֿאַראינטערעסירט אַרײַנציִען אין דער פּועלי-ציון-באַוועגונג. פֿלעגט ער זײ אָפֿט אײַנלאַדן צו זײַנע רעפֿעראַטן בײַ אונדז (געווען איז ער אַ גלענצנדער רעדנער). און אַזױ איז דער סירקין-קלוב באַקאַנט געווען אַלס דער קלוב פֿון דער ״בעסטער געזעלשאַפֿט״.

איך בין דאָרטן געוואָרן די פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַרין, און פֿאָרלייענען אַ פּראָטאָקאָל איז בײַ מיר געווען אַן איבערלעבונג, ממש אַ גײַסטיקער פֿאַרגעניגן, בפֿרט נאָך ווען כ׳פֿלעג שפּעטער באַקומען קאָמפּלימענטן, ״ווי שיין איך שרײַב אָן אַ פּראָטאָקאָל״.

כ׳וועל ניט פֿאַרגעסן מײַן ערשטע טיפֿע איבערלעבונג ווען ח. ל. איז מיך געקומען באַזוכן אין מײַן קליין צימערל בשעת איך בין געווען קראַנק. ער האָט מיטגעבראַכט אַ בוך ענגלישע פּאָעזיע, און בײַ מײַן בעט מיר געלייענט לידער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס כ׳האָב געהערט ענגלישע פּאָעזיע, אַליין לייענען האָב איך נאָך ניט געקאָנט. די לידער האָבן געקלונגען ווי אַ שטילע סימפֿאָניע.

צו די פֿאָרלעזונגען פֿון די יונגע פּועלי-ציון איז דווקא קיין מאָל ניט געקומען דער יונגער סטודענט וועלכער איז שפּעטער געוואָרן פֿיזיק-פּראָפֿעסאָר אין די שטאַטן. איין מאָל (בשעת ער איז געווען אויף קאַניקול אין דער היים) איז ער אַרײַנגעקומען צו דער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער פּאַרטײ בשעת מיר יונגע זײַנען נאָך געווען געסט. מײַן אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט ווען כ׳האָב דערזען דעם בלאָנדן שיינעם, הויך געוויקסיקן בחור מיטן איידעלן פּנים. ווער איז ער? עפּעס ווי פֿון אַן אַנדער פּלאַנעטע וואָלט ער זיך באַוויזן. כ׳האָב דערפֿילט מײַן האַרץ קלאַפּט שטאַרק. די חבֿרים האָבן זיך מיט אים שטאַרק דערפֿרייט, אים געלאַדן זיצן אויבן אָן בײַם טיש. אַ צעטומלטע האָב איך אַרונטערגעלאָזט מײַן קאָפּ און ״בסוד״ געוואַרט מײַן האַרץ זאָל זיך אַ ביסל אײַנשטילן. ווען כ׳האָב אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ האָבן זיך באַגעגנט אונדזערע בליקן.

די טעג פֿון אַ גאַנצער וואָך האָב איך געאַרבעט אין שאַפּ, גענייט ״דרעסעס״, פֿרויען-קליידער, כ׳האָב קיין מאָל דעם פֿאַך ניט געלערנט און אים טאַקע ניט געקאָנט, און אים ניט ליב געהאַט, בין איך דעריבער געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען ״אַ שלעכטע אָפּערייטאָרין״. אָבער אַרבעטן האָב איך געמוזט, אַז מ׳האָט מיך אָפּגעזאָגט פֿון איין שאַפּ, האָב איך געזוכט אַרבעט אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן. זעלטן האָב איך אַ מאָל געאַרבעט מער ווי ״אַ סעזאָן״. קוים אַ פּאָר חדשים. דאָס הייסט, ווען די בעלי-בתּים האָבן געמוזט אַרויסגעבן אַ סך אַרבעט, האָט מען אָנגענומען אַלעמען, ווי נאָר ס׳איז געוואָרן ״סלאָו״ – ווייניקער אַרבעט, בין איך תּמיד געווען פֿון די ערשטע וועמען מ׳האָט אַוועקגעשיקט מיטן לידל: ״אַ שלעכטע אָפּערייטאָרין״.

דאָס האָט שפּעטער זיך אויסגעווירקט אין מײַן אַמביציע ״נקמה נעמען״ אין די בעלי-בתּים. דהיינו: גרינדן אַ יוניאָן, ריכטיקער – גרינדן אַ ״דרעס-מאַכער-לאָקאַל״, ווײַל אַ יוניאָן פֿון פֿרויען-מאַנטלען און מענער-קליידער איז שוין געווען פֿון פֿריִער – ״די אַמאַלגעמייטעד ענד קלאָוק-מאַכער יוניאָן״.

איך בין געוואָרן אַ שטאַרקע קעמפֿערין פֿאַר דער אידייע אַז אַזאַ לאָקאַל זאָל געשטיצט ווערן פֿון דער אינטערנייִשאָנאַל יוניאָן אין אַמעריקע. במשך אַ קורצער צײַט האָט מײַן טרוים ״געגעבן פֿרוכט״. אַ סך אַרבעטער האָבן מיט לײַב און לעבן זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דעם קאַמף און אַ לאָקאַל 72 איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער גוטהייסונג און שטיצע פֿון דער ״אינטערנייִשאָנאַל״. צום ערשטן ״גענעראַל סטרײַק״ איז געקומען אונדז דערמוטיקן און העלפֿן דער דעמאָלט באַקאַנטער בויער און קעמפֿער פֿאַר אַ שטאַרקער יוניאָן אין אַמעריקע – דער גענעראַל סעקרעטאַר ד. ד. אַליין (אויף דער גרינדונג-טאַבעלע פֿון לאָקאַל איז מײַן נאָמען צווישן די ערשטע פֿאַרשריבן).

דער סטרײַק איז געווען אַ ביטערער קאַמף מיט די בעלי-בתּים און אויך די קאָנקורענץ מיט דער דעמאָלטיקער קליינער ״אינדאַסטריעל יוניאָן״ פֿון די קאָמוניסטן – ער האָט געדויערט לאַנג. ווען נאָר און וווּ נאָר איך פֿלעג זיך באַווײַזן אויף דער ״פּיקעט ליַין״ אַזוי זײַנען אויסגעוואַקסן פּאָליציי אויף פֿערד און גענומען צעטרײַבן די אַרבעטער. איך האָב תּמיד געוואַגט זיך אַנטקעגן שטעלן. און איין מאָל, שפּאַנענדיק אין דער פּיקעט-ליַין האָב איך דערפֿילט עמעצער קלאַפּט מיר אין די פּיס מיט שווערע שטיוול. כ׳האָב זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט, נאָר ווען די קלעפּ זײַנען שוין געווען שטאַרקע האָב איך זיך אומגעקוקט – אַ סערזשאַנט (כ׳האָב געוווּסט זײַן נאָמען) איז מיר נאָכגעגאַנגען. מיט רוגז האָב איך צוריקגעדרייט דעם קאָפּ. ער איז אַלץ נאָכגעגאַנגען אין דער ריי (שוין אָן קלעפּ) און ער האָט מיר שטיל געשעפּטשעט אין אויער: ״גוירל (מיידעלע)! צו וואָס דאַרפֿסטו דאָס? גיי אַהיים, גיי אַהיים זאָג איך דיר.״

אַז כ׳האָב אים ניט געפֿאָלגט איז קלאָר. דער רעזולטאַט? אין אַ פֿרימאָרגן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָליציי-וואָגן און מ׳האָט מיך ״אײַנגעלאַדן אינעווייניק״.

ספּעדיינע איז שוואַרץ געוואָרן מיט מענטשן. ווי חלילה צו אַ לוויה איז מען נאָכגעגאַנגען לאַנג דעם וואָגן. מער ווי אַ פּאָר שעה בין איך ניט געווען פֿאַרשפּאַרט. די יוניאָן-פֿירער האָבן מיך באַפֿרײַט און זיי האָבן שפּעטער דערציילט: ״די גאַנצע שטאָט״ האָט געהאַלטן אין איין לויפֿן צו דער יוניאָן ביז שפּעט אין אָוונט (ווען כ׳בין שוין געווען אין דער היים און מסתּמא געשלאָפֿן) מיט די נײַעס: ״ברכה איז אַרעסטירט, ברכה איז אַרעסטירט״.

אַוודאי האָבן שפּעטער – נאָך דעם ווי דער סטרײַק איז געוווּנען געוואָרן – די בעלי-בתּים אין מיר גענומען נקמה, מערסטנס שפּעטער זײַנען געווען קאָנצענטרירט אויף דער הויפּטגאַס ״ספּעדיינע״ (וואָס דער נאָמען אַליין דערציילט געשיכטע פֿון דער שטאָט) און אויף עטלעכע זײַטיקע גאַסן אַרום איר. אַלע האָבן מיך געקאָנט אַלס קעמפֿערין. אויף זייער שפּראַך: ״אַ טראָבל-מייקערין״. איז כּמעט קיינער שפּעטער ניט גרייט געווען מיר צו געבן ״אַ דזשאַב״ (אַרבעט).

אויף די העכערע קוואַרטאַלן פֿון ספּעדיינע זײַנען קאָנצענטרירט געווען די יוניאָנס, די פֿאַרשיידענע קלובן, ווי געזאַנגס-פֿאַראיינען, אָרקעסטערס און אויך די ייִדישע רעסטאָראַנען. בפֿרט איז באַקאַנט געווען ״קאַפּלאַנס רעסטאָראַן״ וווּהין אויך אַרבעטער פֿלעגן מיטאָגצײַט קומען עסן אַ געשמאַקן מאָלצײַט פֿון עטלעכע בלודעס, אין אַ רויקער אַטמאָספֿערע, פֿאַר אַ מינימאַלן פּרײַז – אַ ״קוואָטער״, פֿינף און צוואַנציק סענט.

איינער פֿון די באַקאַנטע באַשיידענע רעסטאָראַנען איז געווען מיטן נאָמען ״וואַלערשטיינס״. ס׳איז געווען אַ מין ״אייגענע היים״, מערסטנס פֿון די באַזוכער דאָרטן זײַנען געווען ״חבֿרים פֿון דער באַוועגונג״. מ׳האָט זיך געקאָנט און תּמיד געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. האָט מען זיך דאָרט באַגעגענט אַפֿילו ניט צוליבן עסן.

איין טאג בין איך אַ מאָל פֿון דער אַרבעט געקומען דאָרטן עסן מיטאָג. ווי איבערראַשט בין איך געווען (ריכטיקער – שאָקירט) ווען דער וואָס דערלאַנגט דאָס עסן איז געווען יצחק וואלערשטיין אַליין, דער שיינער זון פֿון דער ייִחוסדיקער משפּחה (ער איז שוין דעמאָלט געווען באוווּסט אין שטאָט אַלס דער געניאַלער סטודענט). ווען ער איז געווען אויף קאַניקול אין דער היים האָט ער אַרויסגעהאָלפֿן אין רעסטאָראַן.

איך פֿלעג רויט ווערן און ניט געוווּסט וואָס צו באַשטעלן. ריידן צו אים ווי צו אַ קעלנער האָב איך ניט געקאָנט, האָב איך אַ שווײַגנדיקע אים אָנגעוויזן עפּעס אויף דער ״מעניו״ און אַ שווײַגנדיקער האָט ער מיר דערלאַנגט עסן. אינעם עסן וואָס איז בפֿירוש געווען געשמאַק האָב איך שוין קיין טעם ניט געפֿילט. כ׳האָב דאַקעגן זיך דערפֿילט מינדערווערטיק. אָט ״ווייסט ער אַז איך קום פֿון שאַפּ״ און ער דערלאַנגט מיר עסן. איך האָב אויסגעמיטן אַרײַנקומען אַהין מיטאָגצײַט. אַז כ׳פֿלעג יאָ אַ מאָל קומען פֿאַר נאַכט ווען ער איז ניט געווען האָט די מוטער מיך שטיל געפֿרעגט: ״פֿאַר וואָס זעט מען אײַך ניט?״ פֿלעג איך שוין אַרײַנקומען אָפּטער פֿאַר נאַכט, שפּעטער איז ער שוין אויך געווען פֿאַר נאַכט. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט שווײַגנדיק. כ׳האָב בפֿירוש געפֿילט ״איך טאָר מיט אים ניט ריידן״ ווײַל וואָס קאָן איך, אַ פּשוטע ״שאַפּמיידל״ אים זאָגן? ער האָט דווקא אַ מאָל יאָ גערעדט צו מיר. כ׳האָב ניט געגלייבט. כ׳בין געווען ווי אין כּישוף. אַזוי אַ לאַנגע צײַט האָב איך אויסגעמיטן דעם רעסטאָראַן און אַז ס׳האָט אַ מאָל ״אַרײַנגעצויגן אַהין״ איז די שפּראַך געווען שווײַגן.

איין מאָל בײַ אַ פּאַרטיי-פֿאַרזאַמלונג ווו אויך ער איז געווען, און הייסע פּאָליטישע דיסקוסיעס זײַנען אָנגעגאַנגען, בין איך פּלוצלינג אַרויסגעגאַנגען אין מיטן דער פֿאַרזאַמלונג. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבן  און איז אויך אַרויסגעגאַנגען. ער האָט מיך באַגלייט אַהיים. פֿון גרויס צעטומלקייט האָב איך גענומען פֿאָרזעצן די פּאָליטישע דיסקוסיעס וועלכע זײַנען אָנגעגאַנגען דעם אָוונט. אַזוי אַ גאַנצן וועג האָב **איך** גערעדט . כ׳האָב געפֿילט כ׳רעד נאַרישקייטן און ניט געקאָנט אויפֿהערן. ער האָט נאָר אַ ביסל געענטפֿערט. כ׳האָב געפֿילט ״די אַנטוישונג״ זײַנע – אַז ניט צוליב ״פּאָליטיק ריידן״ באַגלייט ער מיך אַהיים. און אַזוי ביז מײַן שטוב. דערנאָך, שווײַגנדיק אַ פּאָר מינוט האָבן מיר זיך געזאָגט ״אַ גוטע נאַכט״.

דער געדאַנק אַז ער האָט מיך באַגלייט אַהיים האָט שוין געטריבט דעם שלאָף. דער געדאַנק אַז איך האָב סתּם גערעדט און גערעדט האָט מיר געעגבערט ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן.

אין יענער צײַט האָט דער יונגער סטודענט מיט גרויס אויסצייכנונג באַקומען זײַן דאָקטאָראַט. די משפּחה האָט געמאַכט אַ גרויסע פֿײַערונג און אומגלייבלעך – אויך איך בין געלאַדן געוואָרן. כ׳בין געקומען אָנגעטאָן אין מײַן קורצער זשאָרזשעטער קליידל פֿון צוויי מאָנאָטאָנע קאָלירן (באָרדאָ און גרוי) וועלכע איז געווען מײַן איינציקע יום-טובֿדיקע קלייד במשך אַ סך יאָרן. כ׳האָב זי אַ מאָל אויף ״אַ סייל אין היטנס״ געקויפֿט. אַלע האָבן זי שוין געקאָנט און מיר אַליין איז זי שוין זייער נימאס געוואָרן. זי האָט שוין פֿאַר דער צײַט אַפֿילו געשאַפֿן פֿאַר מיר ״אַ שטיקעלע טרויעריקע געשיכטע״. אַ גוטהאַרציקער חבֿר פֿון די עלטערע (משהלע), זייער אַ נאָענטער פֿרײַנט פֿון אונדז יונגע, האָט מיר אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: ״ברכה, וואָלטסט זיך שוין געדאַרפֿט קויפֿן אַ נײַע קלייד״. ער האָט געוויס מיר ניט געמיינט וויי טאָן, נאָר ס׳האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן. כ׳האָב ניט

געהאַט „מיט וואָס“ צו קויפֿן אַ נײַ קלייד. זײַן חבֿרשע באַמערקונג האָט אַזוי צעוווּנדיקט מײַן געמיט אַז צו אַ גרויסער פֿײַערונג אין „סירקין-קלוב“ האָב איך זיך געשעמט צו קומען.

און יענער שבת אויף דער נאַכט אַליין אינעם עלענטן צימערל מיט די פֿריילעכע בילדער פֿאַר די אויגן ווי אַזוי אַלע זינגען און טאַנצן, און וווּנדערן זיך געוויס וואָס איך בין ניטאָ, איז בײַ מיר געווען כּל-נידרי מיט יום-כּיפּור אין איינעם.

די פֿײַערונג פֿאַר יצחק וואַלערשטיין, פֿונעם סטודענט אַלס גאַסט האָב איך זיך אין דער הויכער געזעלשאַפֿט געשעמט מיט מײַן אויסזען. בין איך אַ גאַנצן אָוונט געזעסן אין אַ זײַט בײַ אַ קליין טישעלע און דווקא האָבן זיך אַ מאָל באַגעגענט אונדזערע בליקן. דער אָוונט איז געווען פֿײַערלעך, פֿריילעך, און ער האָט זיך לאַנג געצויגן. כ׳האָב דערפֿילט איך דאַרף אַהיים גיין, ווי זשע גייט מען אַוועק זיך ניט געזעגענען מיטן הויפּט-מחותּן? כ׳בין צוגעגאַנגען צו אַ לאַנגן טיש מיט געסט. ער איז געשטאַנען אַ פֿריילעכער פֿון יענער זײַט טיש, כ׳האָב אים אויסגעשטרעקט מײַן האַנט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט, זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און מיך אַ קוש געטאָן. דעם טעם, דאַכט זיך, געדענק איך נאָך ביז הײַנט. ווי אַזוי איך בין יענעם אָוונט אַ לעבעדיקע אַהיים געקומען, דאָס געדענק איך ניט.

אַ לאַנגע צײַט האָב איך זיך ניט באַוויזן אין רעסטאָראַן. ביז אין איינעם אַ פֿאַר נאַכט בין איך סטיכיש אַרײַנגעצויגן געוואָרן אַהין. ס׳איז דאָרט קיינער ניט געווען אויסער אים, מיט זײַנעם און אויך מײַנעם אַ יונגן חבֿר, א. ג., אַ פֿריילעכער שיינער בחור, מיט אַ קאָפּ רויטע קוטשערן. און גלײַכצײַטיק אַ סענטימענטאַלער בחור וואָס האָט זייער ליב געהאַט און טאַקע געקאָנט שיין זינגען ייִדישע לידער. זיי זײַנען ביידע געזעסן אויף דער ברייטער פּאַרענטשע פֿונעם פֿענסטער לעבן דער טיר, עפּעס ווי זיי וואָלטן געוואַרט. זיי האָבן זיך דערפֿרייט מיט מײַן אַרײַנקומען. און באַלד, מער ווי תּמיד פֿרײַנטלעך גערעדט צו מיר: „פֿאַר וואָס מאַכסטו ניט קיין פּאַרטי? פֿאַר וואָס לאַדסטו ניט אײַן אַ מאָל צו זיך?“ ניט טראַכטנדיק, ממש ספּאָנטאַן, האָב איך געענטפֿערט: „איר קאָנט קומען איצטער.“ זייערע אויגן האָבן זיך צעשטראַלט.

איך האָב געוווינט אין אַ קליינעם געדונגענעם צימער. מײַן בעל-הביתטע איז פּונקט דעמאָלט געווען אויף וואַקאַציע, אין הויז האָט געוווינט נאָך אַ שכן, אַן עלטערער ייִד. דער געפֿיל אַז די שטוב איז ליידיק האָט, זעט אויס, אין דעם מאָמענט דאָמינירט און כ׳האָב זיך אַרויסגערעדט. כ׳האָב ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וואָס עס מיינט „מאַכן אַ פּאַרטי“. כ׳האָב געמיינט, אַז עס קומען געסט, הייסט עס אַ פּאַרטי.

כ׳בין אַרויס פֿון רעסטאָראַן אַ צעטומלטע, כ׳האָב באַלד דערפֿילט אַז כ׳האָב ניט געדאַרפֿט אײַנשטימען. אָבער ס׳איז שוין צו שפּעט, זיי וועלן קומען. געמיינט האָב איך – די צוויי חבֿרים. כ׳האָב זיך פֿאַרהאַלטן לאַנג אין וועג, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. אַז מ׳דאַרף עפּעס קויפֿן, עפּעס אָנגרייטן איז מיר אַפֿילו ניט אײַנגעפֿאַלן. דער געדאַנק האָט נאָר געשראָקן. זיי וועלן קומען צו מיר.

כ׳האָב פּשוט אַרומגעשפּאַנט שעהען אין פֿינסטערע גאַסן. נאָך לענגער פֿאַרהאַלטן זיך אין וועג אַהיים. ווען איך בין אָנגעקומען צו דער שטוב, האָב איך דערהערט געזאַנגען. צי חלום איך? כ׳בין געבליבן שטיין אין דרויסן. כ׳האָב געהערט מ׳טאַנצט אַ „האָראַ“ און מ׳זינגט – פֿון וואַנען קומען אַזוי פֿיל מענטשן? איך האָב דערקאָנט אייניקע שטימען פֿון זייערע פֿרײַנט וועמען כ׳האָב געקאָנט – ווי קומען אַזוי גיך אָט די אַלע בחורים אַהער? וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טו **איך**? ווי קאָן איך זיך באַווײַזן? כ׳האָב זיך באַהאַלטן אין הויף. כ׳האָב דערהערט געשרייען פֿונעם אַלטן ייִדן. כ׳האָב

געציטערט פֿון שרעק. וואָס טוט מען? כ׳מוז דאָך אַרײַנקומען. כ׳האָב זיך באַהאַלטן אין הויף ביז אין שטוב איז געוואָרן האַלב פֿינסטער, די היץ און דער טומל האָט מיך דערשלאָגן, כ׳האָב זיך באַהאַלטן אין די ווינקעלעך. כ׳האָב געזען ווי זיי לויפֿן אין וואַשצימער, כ׳האָב געזען ווי זיי האָבן געהאַלטן גלעזער און דורשטיקע געזוכט וואַסער. דער אַלטער ייִד האָט זיי אַ צעכּעסטער געזידלט. אייניקע האָבן נאָך געטאַנצט אינעם קליינעם סאַלאָן-צימער. אייניקע זײַנען געזעסן מידע אויף דער פּאָדלאָגע. ביז – מ׳האָט זיך ביסלעכווײַז געלאָזט אַהיים גיין. איך האָב זיך נאָך אַלץ באַהאַלטן. כ׳האָב געפֿילט די בושה אין אַלע מײַנע אבֿרים. מיר האָט זיך געדוכט קיינער באַמערקט מיך סײַ ווי ניט, זאָלן זיי שוין אַהיים גיין. כ׳האָב זיך פֿאַרגנבֿעט „אַפּסטיירס“ – אויבן ווו מײַן צימער איז געווען. דער אַלטער (צו מײַן מזל) האָט מיך ניט באַמערקט. כ׳האָב נאָר געהערט ווי ער האַלט אין איין שרײַען אויף זיי פֿון זײַן אָפֿענעם צימער.

אונטן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטילער. אין דרויסן האָב איך געהערט אַ סך טריט און טומל. אייניקע זײַנען געבליבן זיצן אויף דער וועראַנדע. כ׳האָב געהערט: „ווו איז זי?“ כ׳האָב געהערט שווערע אויסדרוקן... כ׳האָב אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן.

כ׳האָב געפֿילט אַ פֿײַער נעמט מיך אַרום. כ׳ברען. ווי וועל איך איבערלעבן די נאַכט? וואָס וועל איך זאָגן דער בעל-הביתטע? דער אַלטער וועט דאָך איר אַלץ דערציילן.

דווקא דאָס האָט מיך איצטער געשראָקן מער פֿון אַלץ און ערשט דערנאָך, די בושה. וואָס האָב איך געטאָן, פֿאַר וואָס האָב איך זיי געלאַדן? כ׳האָב דאָך ניט צוגעגרייט קיין „פּאַרטי“ און פֿאַר וואָס זײַנען אַזוי שנעל זיך צונויפֿגעקומען אַזוי פֿיל בחורים? (בלויז בחורים.)

ווידער האָט די שרעק פֿאַר דער בעל-הביתטע גענומען די אויבערהאַנט. כ׳בין שפּעט אין דער נאַכט, שטיל שטיל, אַרונטערגעגאַנגען אַ ביסל אויפֿראַמען דעם סאַלאָן-צימער וואָס האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

אַז איך וועל זיך שוין קיין מאָל ניט קאָנען באַווײַזן פֿאַר די חבֿרים, דאָס האָב איך געוווּסט, אָבער וואָס וועל איך זאָגן דער בעל-הביתטע?

איך האָב **איר** שוין גאָרניט געדאַרפֿט זאָגן. זי האָט **מיר** שוין געזאָגט.

פֿונקט אויף מאָרגן איז זי אַהיים געקומען.

„האָסט געמאַכט אַ פּאַרטי, אַ? שיין אַזוי?!“

כ׳האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן, אין הוילן ציטער און בושה האָב איך געשוויגן. זי האָט מיר געזאָגט: „קלײַב זיך אַרויס און באַלד!“

כ׳האָב זיך אַרויסגעקליבן.